אין אידיש

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק
ווערטער, אין אמונה און
בטחון און נאך

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ -058-323

ערב שב"ק פרשת
**עקב**
י"ז מנחם אב שנת תשפ"ו

בס"ד

# אן די מידה פון הכרת הטוב קען דער מענטש אנקומען ביז דער נידריגסטע מדריגה ח"ו!!!

**» ווי אזוי זענען די קליידער נישט פארוועלק געווארען פערציג יאר אין מדבר??**

**שטייט** אין די וואכענדיגע פרשה (ז, טו) והסיר ה' ממך כל חולי, דארף מען לכאורה פארשטיין צוליב וואס טוט די תורה דאפפלען אז די אייבערשטער וועט אוועקנעמען די קרענק פון מצרים פון איבער די אידן, עס שטייט דאך שוין פריער אינעם פסוק אז אלע שלעכטע קרענק פון די מצרים וועט די אייבערשטער נישט ברענגען אויף די אידן, דערפאר זאגן אונז חז"ל (**ירושלמי שבת** פי"ד ה"ג) און ערקלערן אז דיווארט 'חולי' מיינט נישט קיין פיזישע קראנקהייט נאר א גייסטישע קראנקהייט וואס דאס טייטשט 'געדאנקען פון זארג', עס איז פערהאנען זייער אסאך מענטשן וואס ליידן נישט פון קיין פיזישע קראנקהייטן, אבער מיט דעם אלעם לעבן זיי אין א וואלקן פון אויסטראכטונגן, ער פילט אז ער לייד פון דעם קראנקהייט אדער פון אן אנדערע סארט קרענק, ביז פון גרויס זארג און בייזוויליגע מחשבות ווערט ער טאקע ליידער פיזיש קראנק ל"ע, און אויף דעם זאגט אונז די תורה, אז אויך די סארט קרענק וועל איך אויך נישט ברענגען אויף קיין אידן.

**אלזא,** זאל זיך דער מענטש נישט באקלאגען, וואס זאל איך טוהן אבער איך האב נישט דערגרייכט דעם צוזאג פון אייבערשטן, דערפאר בין איך ארומגענומען פיל מיט זארג פון קאפ ביז פוס, ווייל איך וויס נישט פון ווי איך וועל האבען פרנסה, ווי אזוי וועלן מיינע קינדער וואקסן, און וואס וועט זיין מיט מיין געזונט, און ווען וועל איך שוין זעהן א רואיגן לעבן פאר מיר, עס זאל זיך אויפהערן מיינע אלע פראבלעמען, אאז"וו, איין איינציגע ענטפער און מעדיצין איז דא אויף די אלע זארגן וואס דער מענטש האט רעגעלמעסיג, וואס הייסט 'עצתו אמונה', עס פאדערט זיך פונעם מענטש זיך צו שטארקן אין זיין אמונה, און וויסן אז די שליסל פון הצלחה אין אלע הינזיכטן ליגט נאר אינעם גרויסן האנט פון אייבערשטן, און אלע גיטע זאכן קומען נישט אהן צום מענטש נאר פונעם אייבערשטע'נס האנט, און אז דער מענטש וועט דאס גוט אריינעמען אינזיך, אין זיין הארץ און אין זיין מוח שטענדיג, וועט איהם קלאר ווערן אז ער האט גארנישט וואס זיך צו זארגן אויף זיין פרנסה אדער געזונט און אלע אנדערע באדערפענישען, ווייל עס וועט סייווי נישט צופיל צוגעבן פאר זיין הצלחה זיין אייגענע האנדווערק, נאר אלעס וואס ער האט און ווי אזוי ער שטייט ליגט אין די בעסטע האנט וואס קען נאר זיין, און נאר די אייבערשטער  קען אנפילן און געבן פאר דעם מענטש וואס ער נייטיגט זיך, אויב אזוי וואס האט זיך דער מענטש צו זארגן.

**און** פארקערט גאר, דורך די מחשבות פון א מענטש טוהט זיך דער מענטש צומאל אליין ערגער מאכן זיין מזל, און ער טוהט זיך אליין צוברענגען  צו די אומשטענדן וואס ער גייט אויף איהם אריבער.

**ווי** דער גאון עולם **רבי משה פיינשטיין** זצוק"ל (געברענגט אינעם ספר **דרש משה**) טוהט ערקלערן מיט א געוואלדיגע דערהער, אין דעם פסוק די וואך 'ויענך וירעיבך ויאכילך את המן', (ח, ג-ד). זאגט ער: "אויב די אידן וואלטן זיך נישט באקלאגט אויף דעם אז זיי האבען נישט וואס צו עסן, וואלטן זיי טאקע נישט געברויכט עסן, נאר אזוי ווי מיט זייערע שוואכע אמונה האבען זיי געמיינט אז עס גייט נישט אהן דעם וואס מען זאל עסט, און זיי האבען אנגעהויבן זיך צו זארגען פון ווי וועלן זיי האבען צו עסן, דער זארג און דער פעלער און אמונה האט צוגעברענגט אז זיי זאלן טאקע מוזן עסן און נישט קענען זיך באגיין אן דעם.

**און** ער ווייזט עס אויף מיט א באווייז פון די תורה זעלבסט, אז אין די קומענדיגע פסוקים ווי עס שטייט דארט איינער פון די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט די אידן אין מדבר, איז געווען אז זייערע קליידער זענען אלע פערציג יאר נישט געווארען פארוועלגט אדער קליין, דאס טייטשט, וויבאלד אידישע קינדער האבען נישט געזארגט אויף דעם אז זייערע קליידער זאלן זיין פאסיג פאר זיי, דערפאר האבען זיי טאקע נישט געדארפט טוישן אלע פערציג יאר, דאס זעלבע וואלט געווען אויך מיטן עסן אויב די אידן וואלטן צוגעגאנגען מיט א שטארקע אמונה און אבסאלוט נישט געזארגט אויף דעם, וואלטן זיי נישט געדארפט האבען קיין עסן, נאר וויבאלד זיי האבען זיך יא באקלאגט, האבען זיי נישט זוכה געווען דערצו.

**ווי** די בעלי דרשנים דערמאנען שטענדיג ביי זייער רעדעס, אז די אותיות 'דאגה' איז צוזאמגעשטעלט פון די ערשטע פינף אותיות פונעם א-ב, אויסער די אות ב', וואס איז נישט דא דארט, און פארוואס, ווייל די אות ב' איז מרמז אויף 'בטחון', און אויב עס איז דא בטחון איז דאך נישט פערהאנען קיין דאגה - זארג, נאר ווען עס איז פעלט די ב פון בטחון קומט ארויס דאגה ר"ל. און אזוי שטייט אינעם ספה"ק **בית אהרן אין נאמען פון הרה"ק רבי אשר פון סטאלין זי"ע**, אויפן פסוק (ישעיה כח, טז) המאמין לא יחיש. איז דער טייטש ער זאל זיך נישט 'זארגען'.

**אזוי** ווי דער משגיח הגה"צ **רבי יחזקאל לעווינשטיין** זצ"ל פלעגט שטענדיג זאגן פאר זיינע תלמידים, אז עס געפונט זיך אויפן וועלט צענדליגע טויזנטע באשעפענישן וואס וואלגערן זיך אין די מיסטן, און עס זעהט אויס אז עס איז נישט דא קיינער וואס זארגט זיך פאר זייער שפייז, און נישט נאר מען זארגט נישט נישט נארג אר פארקערט, מען טוהט זיי שטענדיג פארטרייבן ווי זיי קומען אן, אבער נאך אלס זעהן מיר אז בלייבן לעבן און זיי שטארבן נישט אזוי שנעל פון זיך אליין פון הונגער.

**ווייל** די אייבערשטער שפייזט און נעמט אכט אויף זיי, פון די גרעסטע בעל חי ביזן קלענסטע, ער זאל האבן אויף זיי לעבן וואס ער באדארף, און טאמער אויף בעלי חיים איז זיין זארג אזוי גרויס, ק"ו אויף דעם מענטש וואס איז באשאפן געווארען מיט זיין געשטאלט, לאזט ער זיי נישט אפ אז זיי זאלן איבערבלייבן אן קיין שפייז און פרנסה, האט זיך דען א מענטש וואס צו באקלאגען און זארגן.

**» צוליב וואס פעלט נאך פרנסה פאר מענטשן וויפיל מען זאל נאר ארבעטן??**

**שארפע** ווערטער שטייט אינעם ספר **חמדת דוד** (**ויצא** בד"ה הבה לי) וואס ער האט געהערט פון די **הייליגן קאצקער רבי** זי"ע, פארוואס טרעפט זיך ביי אסאך מענטשן, אז צוגאב וואס זיי ארבעטן שווער אויף זייערע פרנסה, נאך אלץ האבען זיי נישט גענוג אויף זייער לעבענס געברויכן, און די אויסגאבע זייערע איז זייער הויך, אז די קינדערלעך וויינען אויף א שטיקל ברויט. זאגט ער, אז דאס קומט ווייל דער מענטש אנערקענט נישט אין די געוואלדיגע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט איהם, דאס ווילן פון אייבערשטען איז, אז דער מענטש זאל זיך אנהענגען זיין גאנצע לעבענשאפט אין איהם אליין, און זיך פארזיכערן אין זיין גענאדע וואס ער געבט איהם, און פארשטיין אז אהן זיין הילף און אן זיין שטארקייט קען ער גארנישט טוהן און גארנישט האבען, און די גאנצע ארבעט וואס ער טוהט ברענגט איהם גארנישט צו.

**דערפאר** מאכט דער אייבערשטער, אז א מענטש זאל האבען וויניגער פון זיינע געברויכן, ווייל דורכדעם וועט ער צוקומען צו א אנערקענונג אין די גרויסע ניסים וואס די אייבערשטער מאכט מיט איהם שטענדיג, אז טראץ וואס זיין האנטווערק ברענגט נישט די פולע מאס פאר זיינע געברויכן, לעבט ער נאך ווייטער און ער האט צו עסן און וואס אנצוטוהן.

**אויב** אזוי איז גערעכטן פאר דער קליגער מענטש, ער זאל גלייך אנערקענען

און אנהייב פון זיין ארבעט אז אלעס וואס ער וועט מאכן איז נישט דורך זיין ארבעט, נאר עס קומט גלייך פונעם גרויסען דערבארימדיגע טאטע, וואס זארגט זיך פאר זיינע קינדער, און אזוי וועט איהם קיינמאל גארנישט פעלן, און ער וועט אלעמאל האבען זיינע געברויכן מיט א ברייטקייט, צוליב וואס ער אנערקענט אינעם ריכטיגער שפייזער, און טוהט זיך נאר און איהם פארזיכערן.

**און** דאס זענען די הייליגע ווערטער וואס שטייען אין **ספר המאירי** (חיבור התשובה א, א): "פון אסאך גוטס וואס דער אייבערשטער טוהט באשרען פארן מענטש, ווערט דער מענטש געגרויסט ביי זיך און ער האלט אז ער פעלט איהם גארנישט, און ער דארף נישט צוקומען צום הילף פון אייבערשטען, און ער דארף נישט דאווענען אויף גארנישט. ווייל דער אייבערשטער האט איהם אלעס געזארגט, און דאס איז די אורזאך פון דעם וואס דער מענטש טוהט ח"ו פארגעסן דאס וואס ער דארף צו געדענקען".

**און** אויב דער מענטש וועט יא אנערקענען שטענדיג אז אלעס איז פון אייבערשטען, וועט ער האבען אויף צו לעבן, און עס איז מרומז אינעם פסוק די וואך, שרייבט **דער ירושלימער רב הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא** זי"ע (תורת מהרי"ץ ד"ה כי על) 'כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם' (ח, ג). ווען קען דער מענטש זאגן און זיך רופן אז ער לעבט א לעבעדיג לעבן, נאר ווען אויף אלעס וואס ער האט, זאגט ער מיט זיין מויל אז דאס איז פון אייבערשטען, וואס נאר ער מאכט אלעס און פיהרט אלעס מיט השגחה פרטית, אזא מענטש קען ווערן אנגערופן א לעבעדיגע מענטש, ווייל ער לעבט מיט א רואיגקייט פון אמונה ובטחון און ער זארגט זיך נישט אויף קיין איין זאך, אזא סארט לעבן קען ווערן אנגערופן 'חיים'.

"...ווען קען דער מענטש זאגן און זיך רופן אז ער לעבט א לעבעדיג לעבן, נאר ווען אויף אלעס וואס ער האט, זאגט ער מיט זיין מויל אז דאס איז פון אייבערשטען, וואס נאר ער מאכט אלעס און פיהרט אלעס מיט השגחה פרטית, אזא מענטש קען ווערן אנגערופן א לעבעדיגע מענטש..."

**די** גמרא זאגט (פסחים קי"ח.) אז עס איז שווער צו ברענגען פרנסה צוויי מאל מער פון די שווערקייט צו ברענגען קינדער, אזוי ווי ביי קינדער שטייט בעצב תלדי בנים (בראשית ג, טז), אזוי ביי פרנסה שטייט (שם) בעצבון תאכלנה.

**פרעגט הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין** זי"ע (אין זיין ספר פרי צדיק פרשת ויחי), אז לכאורה איז די לשון נישט פונקטליך, און עס וואלט געדארפט שטיין פארקערט, ווי אונז ווייסן אלעמאל אז ווען מ'לייגט צו ביי די סוף ווארט א וא"ו נו"ן, מיינט עס א קלענערע מאס, (ווי מ'טרעפט צובייאשפיל דאס ווארט 'אישון' טייטשט עס א קליינע מענטש), אויב אזוי דארף מען פארשטיין די גמרא, ווייל ביי ברענגען קינדער שטייט 'בעצב' מיט טרויער, אבער ביי ברענגען פרנסה שטייט דאך 'בעצבון' דארף עס טייטשן א קלענערע טרויער, און לויט די גמרא איז ברענגען פרנסה א גרעסערע טרויער.

**שרייבט** ער א מורא'דיגע זאך, אז אין אמת'ן דארף זיין די ברענגען פרנסה פאר א מענטש אסאך לייכטער און גרינגער פון ברענגען קינדער, נאר דער מענטש טוהט זיך אליין פאראורזאכן און שווערער מאכן זיין לעבן, דורך נאכיאגן און נאכלויפן זיין פרנסה אסאך מער ווי עס פאדערט זיך פון איהם, ווייל ער האט נאר א פליכט צו טוהן עפעס, אבער דער וואס ברענגט באמת די פרנסה איז נישט דער מענטש נאר דער באשעפער אליין. און דערפאר ווערט די פרנסה שווערער פון צו ברענגען קינדער, צוויי מאל, איינמאל וועגן די קללה וואס אדם הראשון איז געשאלטן געווארען, און די צווייטע מאל דורך זיין איבריגע זארג וואס דער מענטש טוהט זיך זארגן.

**און** נישט נאר דאס שווערקייט פון פרנסה ברענגט דער מענטש אליין אויף זיך, נאר אסאך ערגערס פון דעם ווירקט אויף א מענטש וואס טוהט זיך נישט פארזיכערן נאר אין אייבערשטען, ווייל ווען א מענטש פארגעסט ווער איז דער זן ומפרנס לכל, קומט ער גלייך צו זיך גרויס האלטן אז זיין קראפט און מוט האט איהם אלעס צוגעברענגט, ווי די פסוק זאגט די וואך (ח, יז) וְאָמַרְתָּ בִּלְבָבֶךָ כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה.

**ערקלערן די מפרשים** ווי גרויס דאס איבערעדן פונעם יצה"ר איז אויף דעם, און ווי אזוי ער נארט אריין דער מענטש אין זיין נעץ, קען מען קלארשטעלן פון די פאר פסוקים, פריער אין פסוק שטייט (ז, יז) "וכִּי תֹאמַר בִּלְבָבְךָ רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִמֶּנִּי אֵיכָה אוּכַל לְהוֹרִישָׁם, לֹא תִירָא מֵהֶם וגו'". אז די תורה שטארקט דער מענטש ער זאל נישט זיין געפאלן ביי זיך, ווען ער זעהט אז ער קען נישט געווינען די אלע פעלקער פון ארום, און האט מורא אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, און גלייך דערנאך ווארנט די תורה אהן אז נאכדעם וואס די וועסט אריינגיין אין ארץ ישראל מיטן הילף פונעם אייבערשטען זאלסטו געדענקען נישט זיך גרויסהאלטן און וויסן אז אלעס וואס די האסט איז נאר פון אייבערשטען.

**זעהט** מען דאך די גרויסע נסיון פון דעם, אפילו נאר נאך א קליינע צייט וואס מען האט זיך בייגעוואוינט צו גרויסע נסים און וואונדער וואס דער אייבערשטער מאכט אונז, אבער אזוי וואס מ'גייט אריבער די שוועריקייטן און מען זעהט שוין עפעס א הצלחה, קען דער מענטש בלינד ווערן און זיך איינרעדן אז ער טוהט עפעס.

**ווי דער משגיח הגה"צ רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל** פלעגט נאכזאגן פון דער **אלטער פון קעלם** זצ"ל (אור יחזקאל אמונה, ע' קיד), וואס ער האט מדייק געווען אין די פסוקי התורה די וואך, אז אלעמאל שטייט 'פן' תשכח 'פן' תאכל, א לשון ספק, אויסער ביי די פסוק פון כחי ועוצם ידי, שרייבט די תורה 'ואמרת' מיט א זיכערקייט.

**נאר** דאס קומט אונז לערנען, אז ווילאנג דער מענטש לעבט מיטן אייבערשטען אז ער דער וואס געבט אונז די כוחות אויף אלע מעשים, איז פאראהאנען אמאל נאר א ספק אפשר וועט דער מענטש נאכגעשלעפט ווערן און זיך איבערעדן פונעם יצה"ר, אנדערש איז אבער, ווען דער מענטש טראכט שוין אז ער מאכט אלעס אליין מיט זיינע אייגענע כוחות, דעמאלטס וועט ער זיכער אנקומען צו טראכטן אז אלעס וואס ער האט איז דורך זיינע מעשים, דערפאר שרייבט די תורה דארט א לשון 'ואמרת'.

**» וואס איז די געוועהר קעגן די געדאנק פון 'כחי ועוצם ידי עשו לי החיל הזה'??**

**דער** מדה פון אנערקענען אין דאס גוטס פון אייבערשטען, וואס ווערט אנגערופן 'הכרת הטוב', דארף דערין דער מענטש גוט אריינטראכטען, ווייל דאס איז דער שליסל צו עבודת השם, און אהן דעם קען מען חלילה אריינפאלן ביזן ערגסטען, און אזוי ווי דער געוואונהייט פון א מענטש איז, צו טראכטען אלעמאל אז ער איז דער וואס מאכט און מיט זיינע כוחות דערגרייכט ער צו אלעם, דעריבער פאדערט זיך פונעם מענטש א שווערע קאמפף רעגעלמעסיג, צו טויטן זיין גאנצע בליק אויף זיינע מעשים, ווייל די סארט מחשבות זענען דאך דאס פארקערטע פון אמונה, וואס אמונה טייטשט, גלייבן אז עס עקזיסטירט נישט עפעס אנדערש אויסער דער אחד יחיד ומיוחד, און אלע געשעענישן און אומשטענדן וואס פאסירן אויפן וועלט און מיטן מענטש איז אלעס געאורטיילט פון אייבערשטען, אז אזוי דארף צו זיין.

**איבערהויפט** פאדערט זיך פונעם מענטש צו וויסן אין איבערחזר'ן אז אפילו די קליינע פאסירונגען און די טאג טעגליכע געשעענישן איז אלעס פון אייבערשטען, און אן זיין הילף קען מען זיך נישט קיין ריר געבן.

**אזוי** ווי די ווערטער פון הגאון **רבי ירוחם ממיר זצ"ל**, איז: 'מען זעהט זעהר אפט אז אויף קליינע זאכן כביכול, ווערט דער מענטש שנעלער איבערגערעדט אז עס איז קומט מיט זיין כח, און ער טוהט פארגעסן פונעם אייבערשטען, אסאך מער ווי ביי גרויסע געשעענישן, וואס דעמאלטס פארשטייט דער מענטש גאנץ גוט אז דאס איז מעשי ה' וגבורותיו, ווייל ביי גרויסע זאכן ווי צום ביישפיל מלחמות וכדומה, איז פארשטענדליך פאר מענטשן אז ער קען נישט געווינען אן דעם כח און הילף פון אייבערשטען.

**און** ער ברענגט א מעשה וואס איז געווען ביי זיין צייט, ווען א גרויסע גבור וואס האט געקענט בייגן אדער צוברעכן אייזן מיט זיינע הענט, איז אין איין טאג צוזאמגעפאלן, און ער האט דעמאלטס נישט געקענט אפילו אויפהייבן קיין פעדער פון גרויס שוואכקייט, האבען דעמאלטס אלע זיך איבערגעוויזן אז קיינער מאכט נישט גארנישט אליין אלעס קומט נאר פון הימל, און ווען דער אייבערשטער וויל, צוברעכט א מענטש אייזן, און ווען נישט קען ער ניטאמאל קיין פעדער האלטען.